ישראל שטערן

# א טאָג צווישן קראַנקע

קומט אַמאָל אַריין אַ טאָג מיט בלאָע אויגן ווי אַ נאַכט.
און ווייל די פֿירהאַנגען וועגן ווייסער פֿון אים — שעמט ער
זיך צו וואַגן,
נאָר פּאַוואָלע שוואַך און טינקל קומט ער נאָענט צו ליידנדיקע
ווי אַ שוואַכער שטילער ענטפער קומט צו שטיל־אומקלאָרע פֿראַגן...

ווייסע שטיקער פֿאָלן שטראַלן אין הערצן ליגן ווי שטיקלעך שטערן,
נאָר טאָג איז שטאַמלענדיקער טרייסטער, ווייל ער איז אַליין אויך
קראַנק.
קלערן קראַנקע, וואָס־זשע ליידט ער: מאָגן הערצן נירן לעבערט...
און דערמאָנען זיך וואָס פֿינסטערס — — און דרימלען ווי שאָטנס,
דרימלען לאַנג
און דרימלען ווי שאָטנס און דרימלען לאַנג — — —

פּלוצלינג איז פֿאַרכסיקער גאַנג פֿון גרויזאַמען קלאַנג.

ווי קופּערנער גלאָק בײַם האַסטיק אַ קלאַנג און וואַרפֿט ברזל אויף
דער וואַנט.

פֿון דער ריה: —
שלאָף מאָלט אַראָפּ און בעטן הייבט זיך אויף:
ווי ברענט אַ — ווי! —
ווי קופּערנער גלאָק אַזוי האַסטיקט אַ קלאַנג
און הערצער אַ צענדליק לאָזט זיך גאַליאָפּ
צום תּלה, וואָס זאָגט: כ'האָב איבער מײַן קאָפּ
אין חלום געזען, יאָ ייִדן, געזען ——
אַ רעגנבויגן.

אַלע האָרן.
אויגן אויסגעבראָכן, דריםלעניש צעשניטן, ווי מיט שערן,
אַלע וואָכן, שווייגן, הערן.
און שרעקן זיך אַ ריר צו טיען, טאָמער גיט זיך וואָס אַ טראַכט. — —
פאַר איינער מיט אַ לעבער ווערט געלעגט נאָך און לאַכט:
רבותי, עס גייט אויף אונז א בייטש,
אַזאַ מין חלום אין דער טייטש:
ג ח אַ ל ט אָ ח נ ע ר ט ו י ט!

— אָך — אַזוי? — יאָ — אוי — דאָס איז עס, דאָס! —
מען זעט אים שוין, ער זיצט זיי אויף דער נאַז
און אויף די אויגן די צעפּלאַצטע, ווי אַ גלאַנץ
וועצט זיך אויף צעהאַקטן גלאַז —
דער טויט.

ריקט דער טאָג זיך אָפּ דערשראָקן און טונקלט אין אַלע פיר עקן.
עס טראָגן די וואָלקן געשטאָרבענע קינדער אין בלעכענע בעקן.
עמיצנס פּויסט האָט די זון איינגעקוועטשט און צעריבן אויף מעל.
וואָס איז איצט: בעגינען? האַלבטאָג? פאַרנאַכט? — געשפּענסטיש
און העל.
אַז מען קאָן גאָרנישט זען: עס גייען די ווייטן און קיינער קאָן זאָגן
ווי שטעכעדיש ליגט: אין זייטן, אין גירן, אין האַרץ צי אין מאָגן?
אַז מען קאָן גאָרנישט זען, דער טאָג איז אַנטלאָפן אין אַלע פיר עקן
אויס מורא פאַר וועלט: — פאַר טיגער געהילטן אין פעל מיל מיט
פלעקן: —
עס הענגען די שעה'ן ב ל אַ ע, ווי מילך, ו ו י ס ע, ווי מאַרך און
גרינע ווי גאַל...
עס שטייען, ווי בלינדע די ווענט אין דעם זאַל,
ווער קאָן זען, וואָס ווערט געשען: איז טאָג אַצינד, איז נאַכט?...
און איינער מיט א לעבער ווערט געלעגט נאָך און לאַכט:
מען אין שלאָף אַ ר ע נ ג ב ו י ג ן אין: גוואַלטאָוונער טויט.

אַ טאָג צווישן קראַנקע

אינזער האָפֿענונג (וואַרשע, 1926–1932)

[1], העפֿט 7, אַפּריל 15, 1926, זז' 28–29